# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קצ"ב – שופטים תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתתרכו) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' ישראל ברוך גוטמאן ע"ה

זיין טאטע הרה"ח ר' יצחק יודא גוטמאן ע"ה פון דעברעצין איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים. ער האט געהאט א מסחר מיט טעקסטיל (סחורה) און ער האט שיין פארדינט דערפון, און ער האט זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד.

ביי אים אין שטוב פלעגן האבן די אכסניא מערערע רבנים וגדולי תורה וואס זענען אנגעקומען קיין דעברעצין, און ער האט זיי מכבד געווען מיטן גרעסטן כבוד.

איינמאל איז כ"ק רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע געווען אין פעסט - נאך זייענדיג רב אין קראלי - און ער האט געהאט די אכסניא ביים זיידן רבי יצחק לייב ע"ה, ווען דער רבי איז אריינגעקומען אין שטוב האט ער זיך אנגערופן "איך שפיר דא א ריח גן עדן"...

דער זיידע פלעגט אויך שיקן גרעסערע סכומים געלט פאר **הרה"ק רבי שלום אליעזר** זי"ע פון ראצפערט.

איינמאל ווען דער מונקאטשער רב **הגה"ק בעל מנחת אלעזר** זי"ע איז געקומען קיין דעברעצין און ער האט געהאט די אכסניא ביים זיידן אין שטוב, איז צונויפגעקומען א ריזיגער ציבור צום קבלת פנים, און עטליכע גאסן ארום האט מען געדארפט אפשפארן צוליב דעם גרויסן געדרענג.

עס איז געווען אזוי ווייט אז איינער פון די חשוב'ע רבנים האט געוואלט אריינקומען אין שטוב שלום נעמען ביים מונקאטשער רב האט ער נישט געקענט צוקומען צוליב דעם גרויסן געדרענג. האט מען אים געדארפט אויפהייבן און אריינברענגען דורכן פענסטער... (שמעון מרדכי ווייס, אברהם ווייס, בנציון אונגאר, נחמי' סטרולאוויטש)

תתתתרכז) עס האט דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יחזקאל צבי מענדלאוויטש הי"ו

עס האט מיר דערציילט הרה"ח ר' דוד יעקב פעדער ע"ה אז ער האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און ער איז אמאל געקומען קיין אמעריקע צו א חתונה פון א קינד, און עס איז געווען שב"ק פר' ויצא, דער לעצטער שבת איידער ער איז צוריק אהיים געפארן קיין ארץ ישראל, האט ער באקומען אן עליה אין גרויסן סאטמארער ביהמ"ד וואס איז דעמאלטס געווען אויף בעדפארד עוו. און רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע איז געווען דער בעל קורא, האט ער אויסגעלאזט ביי איהם דעם פסוק "עתה קום צא מן הארץ הזאת ושוב אל ארץ מולדתך".

מיט א צייט שפעטער האט ער נאכאמאל חתונה געמאכט דאהי אין פר' ויצא, און דער רבי האט נאכאמאל אויסגעלאזט ביי איהם מיט דעם פסוק.

נאך שבת איז ער אריינגעגאנגען זיך געזעגענען צום רבי'ן, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז די משפחה וויל זייער אז ער זאל קומען זיך באזעצן אין אמעריקע, אבער זייענדיג א בוכהאלטער (רואה חשבון, בוק-קיפער) אין ארץ ישראל, וואס איז א אנדערע סארט ארבעט ווי בוכהאלטעריי אין אמעריקע, וועט ער דא נישט האבן קיין פרנסה.

האט אים דער רבי געענטפערט "פאר אייך איז טאקע נישט קיין תכלית צו קומען דא וואוינען צוליב אייער פרנסה, אבער איר וועט זיך דאך נאך ציעהן קיין אמעריקע, ווייל אייערע קינדער זענען דאך אלע אמעריקאנער".

ער האט אויפן ארט נישט פארשטאנען דעם רבי'נס ווערטער, קודם האט אים דער רבי געזאגט אז ער זאל נישט אויפגעבן זיין פרנסה נאר ער זאל דארט בלייבן, נאכדעם האט ער פארשטאנען אז ער זאל יא קומען, און נאכמער האט ער נישט פארשטאנען ווייל נישט אלע קינדער געווען אמעריקאנער, ווייל ער האט געהאט א איידעם וואס האט געוואוינט אין ארץ ישראל.

למעשה, האט ער שפעטער באקומען א געוואוקס נעבן אויג ל"ע, און זיין ראי' איז שוואך געווארן, און ער האט געמוזט אויפגעבן זיין פאסטן, און דעמאלטס איז ער אהער געקומען וואוינען מיט זיין משפחה. מיט די צייט האט זיך דער איידעם אויך אהער געצויגן, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אלע קינדער זענען געווארן אמעריקאנער. (שלום יוסף מענדלאוויטש, חיים ישעי' אשר מענדלאוויטש, אפרים פישל מענדלאוויטש)

תתתתרכט) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' ליפא מערץ הי"ו

זייענדיג ביי די קריג אין די יארן פון די צווייטע וועלט מלחמה, איז געווען אונזער אויפזעהער א איד מיטן נאמען צווייגנהאפט, א געוועזענער שוחט פון סאסנאוויץ, וואס אים איז געלונגען צו באהאלטן א פאר תפילין, און ער האט זיי יעדן טאג אנגעטון באהאלטענערהייט, וואס דאס איז געווען מסירות נפש ממש.

ווען איך בין געוואויר געווארן דערפון האב איך אים געבעטן אז ער זאל מיר ערלויבן צו לייגן די תפילין. ער האט מסכים געווען אז איך זאל אנטון די תפילין אין א באהאלטענעם קעלער אין לאגער, און נאר אויף צו ליינען קריאת שמע, און באלד אויסטון און צוריק באהאלטן.

איין טאג ווען איך שטיי מיט די תפילין און איך זאג קרי"ש האט מיך א דייטשער רשע באמערקט, איך האב אויף די מינוט אויסגעטון תפילין און באהאלטן אין טאש, דער רשע האט מיך אבער נישט פארשוינט, און ער האט מיך געשלעפט צום אויפזעהער און דערציילט אז ער האט מיך געכאפט ביי די מעשה לייגן תפילין.

דער אויפזעהער האט געוואלט ווייזן ווי שטרענג ער נעמט קער האט ער מיך אראפגעלאזט א פאטש, און אוועק גענומען די תפילין שרייענדיג "איך וועל דיר נאך ווייזן"...

ווי נאר דער רשע איז אוועק געגאנגען, האט ער געזאגט אז ער איז גרייט מיר ווייטער צו געבן די תפילין, אבער איך זאל גוט אכטונג געבן פון די רשעים. אז מ'זאל מיך נישט כאפן.

דער זיידע פירט אויס די מעשה "דער פאטש וואס איך האב דעמאלטס באקומען איז געווען זיס ווי צוקער, ווייל דורכדעם בין איך געראטעוועט געווארן פון דעם רשע".... (שמעון מערץ, יואל זיסמאן גאלדבערגער, יוסף גאלדבערגער).

תתתתרכז) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

ווען דער ריבניצער רבי זצ"ל איז ארויסגעקומען פון רוסלאנד קיין ארץ ישראל זענען באלד געקומען צו אים די עסקנים פון די אגודה, און זיי האבן געבעטן אז ער זאל אונטערשרייבן דעם חוב קדוש פאר די בחירות. און זיי האבן געזאגט אז אלע ראשי ישיבות און רבי'ס האלטן אז עס איז א מצוה צו גיין צו די בחירות.

האט ער זיי געפרעגט "טאָקע?! אָלע?!"

האבן זיי געזאגט "אויסער דער סאטמארער רבי". האט ער געזאגט "אה, אים קען איך". ווי פארשטענדליך האט ער נישט אונטער געשריבן.

(בענין זה איז כדאי מעתיק זיין וואס עס האט דערציילט הרבני החסיד ר' יעקב חיים רוטנער ז"ל וואס ער אליין איז דערביי געשטאנען ביים ריבניצער רבי'ן אין צימער, ווען עס איז אנגעקומען א דעלעגאציע פון די "אגודת ישראל" פארטיי, און זיי האבן געבעטן ערלויבעניש אריינצוגיין צום רבי'ן אויף א באזוך. ר' יעקב חיים איז אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה און געפרעגט צי ער איז וויליג אויפצונעמען א דעלעגאציע פון די 'אגודה' דער ריבניצער רבי האט מסכים געווען אז זיי זאלן אריינקומען.

דערציילט ר' יעקב חיים "איך בין דארט געשטאנען נעבן רבי'ן, ווען די מענטשן זענען אריינגעקומען, און זיי האבן זיך אוועקגעזעצט און דערציילט איבער זייערע פעולות, וואס זיי טוען אלס אויף, און זיי האבן געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל אונטערשרייבן אויפן "חוב קדוש" פאר די קומענדיגע בחירות, ציייגענדיג א כתב אויף וועלכן עס זענען שוין געווען אונטערגעשריבן א צאל גדולי ישראל. דערביי האבן זיי געזאגט פארן רבי'ן, אז זיי זעהן ווי דער רבי וואוינט אין גרויס דחקות, נעמען זיי זיך אונטער אהערצושטעלן א שיינע מקוה אין שטוב אז דער רבי זאל נישט דארפן ווייט גיין צו א מקוה, ווי אויך וועלן זיי אויפבויען א שיין גרויס בית המדרש וואס זאל זיין לשם ולתפארת.

דער רבי האט זיי געענטפערט קורץ און שארף "איך דארף נישט ענקער מקוה, איך דארף נישט ענקער בית המדרש, גייט אייך לחיים ולשלום". די דעלעגאציע איז ארויסגעגאנגען פון דארט ווי אפגעבריהטע בקיתון של רותחין, אויף אזא קנאי האבן זיי זיך דא נישט גערישט. (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

## תתתתרל) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח מוה"ר נח גפן הי"ו שו"ב

עס האט מיר דערציילט ש"ב הרה"ח ר' שלמה גפן ז"ל אז ווען ער האט געלערנט אין די ישיבה אין אורשיוע ביי רביה"ק **בעל דברי יואל זי"ע**, איז געווען א בחור וואס האט געליטן פון פחדים און שווערע מחשבות, האט ער געבעטן פונעם גבאי'ן פון די ישיבה אז ער זאל אים גיין מזכיר זיין פארן רבי'ן.

ווען ער האט מזכיר געווען פארן רבי'ן, האט דער רבי זיך אנגערופן שלא כהרגלו מיט די ווערטער "זאג פארן בחור אז ער זאל זיך פארשטעלן מיין צורה"... ר' שלמה האט איבער געזאגט פארן בחור דעם רבי'נס ווערטער, און למרבית הפלא, יעדעס מאל וואס ער האט געהאט א פאביע האט ער זיך מצייר געווען דעם רבי'נס צורה, און דער בחור האט מער נישט געוואוסט פון קיין פחדים.

מיט א צייט שפעטער פרעגט דער רבי ר' שלמה "וואס טוט זיך מיט יענעם בחור?", האט ר' שלמה געזאגט אז די עצה האט געהאלפן און דער בחור איז אויסגעהיילט געווארן פון זיינע פחדים.

דער רבי האט נישט סובל געווען אויב האט מען געהאלטן אז עס זענען געווען מופתים, האט ער דאס אוועק געמאכט בענוות קדשו, זאגנדיג "א בחור רעדט זיך אפ אז ער האט שווערע מחשבות, האב איך געוואוסט אז מ'דארף אים מאכן טראכטן פון עפעס אנדערש, איך ווייס צי עפעס אנדערש וואלט ער געפאלגט, אזא עצה האב איך געוואוסט אז ער וועט פאלגן, איך זע אז עס האט טאקע געארבעט"... (משה שעהנברון, משה גפן, מרדכי יצחק גפן, אלטר ברוך גפן, יואל יושע פעלבערבוים, יואל יושע גפן, אברהם צבי גפן, משה קטינא)

## תתתתרלא) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פרידריך הי"ו

איך האב בר מצוה געהאט שבת, און זונטאג אינדערפרי בין איך געגאנגען תפילין לייגן, ביי כ"ק מרן רביה"ק **בעל דברי יואל זי"ע**.

מיין טאטע הרה"ח ר' אברהם אלי' ז"ל איז אין יענע צייט געווען א מלמד אין וויזניצער תלמוד תורה, און ער האט נישט געקענט מיטקומען מיט מיר צום רבי'ן דאווענען, בין איך געגאנגען צוזאמען מיט איינעם פון מיינע קרובים, וועלכער איז שוין געווען א זעכצן יעריגער בחור.

דער רבי פלעגט דאווענען שפעט מיט עטליכע בחורים וואס האבן געדאווענט מיט זיין מנין. און דער בחור מיין קרוב איז צוגעגאנגען צום עמוד.

אין יענע יארן פלעגן נאך די בחורים גיין מיט די פיאות ארויפגעדרייט אויפן אויער, ווען דער רבי האט אים געזעהן צוגיין צום עמוד האט ער אים געפרעגט אויף לשון הקודש (ווייל ער פלעגט נישט רעדן מיט די תפילין) "למה אתה מטמין את הפיאות מאחורי האוזן?! חששת שיגנבו אותם?!". (פארוואס באהאלטסטו די פיאות אונטערן אויער, האסט מורא אז מ'וועט דאס גנב'ענען).

דער בחור האט באלד אראפ געלאזט די פיאות און ער איז אזוי געגאנגען עטליכע וואכן, ביז זיין טאטע האט אים געהייסן צוריק ארויפדרייען, ווייל אין יענע צייט האט מען מורא געהאט אז מיט לאנגע פיאות וועט נישט גיין קיין שידוך. (בן ציון זאלדאן, שלום זאלדאן, אפרים פרידריך, מאיר פרידריך, אליקים יודא גרינוואלד, ליפא פרידריך, אברהם אלי' פרידריך, שלום פרידריך).

## תתתתרלב) עס האט דערציילט
## הרה"ח ר' מאיר האללענדער ע"ה

מיין טאטע ע"ה איז געווען זייער קראנק ל"ע, און זיין מצב איז געווען זייער נישט גוט. ער האט געהאלטן פאר די חתונה פון אן אייניקל, און ער האט זייער שטארק געוואלט דערלעבן די חתונה. האט ער אנגערופן צו כ"ק מרן הגה"ק **בעל ברך משה זי"ע** און ער האט זיך מזכיר געווען און געבעטן אז דער רבי זאל אים אנווונטשן אז ער זאל האבן א רפואה שלימה, האט דער רבי געענטפערט "דער אויבערשטער וועט העלפן".

האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז ער מאכט בקרוב חתונה אן אייניקל, און ער וויל נאך זיין ביי די חתונה, האט אים דער רבי געזאגט "דו וועסט נאך זיין ביי די חתונה".

הערנדיג די קלארע ווערטער פונעם רבי'ן האט ער נאכאמאל געזאגט פארן רבי'ן אז ער דארף זיין געזונט, און דער רבי זאל מבטיח זיין א רפואה שלימה, האט דער רבי נאכאמאל געזאגט "דו וועסט נאך זיין ביי די חתונה"...

מיין טאטע האט טאקע דערלעבט די חתונה, אזוי ווי דער רבי האט אנגעווינטשן, און ווייניגער ווי צוויי וואכן שפעטער איז ער שוין נישט געווען אויף דעם עולם ל"ע. (איך האב געהערט די מעשה ווען ר' מאיר ע"ה האט דאס דערציילט פאר כ"ק מרן רבינו שליט"א, פארגאנגענעם מוצש"ק פר' מסעי ביי מלוה מלכה אין בעטלעהעם ניו העמפשיר, און ליידער גענויע צוויי וואכן שפעטער איז ר' מאיר פלוצלונג נפטר געווארן שב"ק נחמו העעל"ט. עס איז מערקווירדיג ווי די לעצטע ווערטער וואס ר' מאיר האט גערעדט מיטן רבי'ן שליט"א איז געווען גענויע צוויי וואכן פאר זיין פטירה, דערציילנדיג איבער די לעצטע ווערטער פון זיין טאטן מיט מרן הברך משה זצ"ל צוויי וואכן פאר זיין פטירה) שמואל א.י. מענדלאוויטש)

## תתתתרלג) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

עס איז געווען ווינטער תשכ"ח לפ"ק איינמאל שפעט ביינאכט אהיימקומענדיג פון די ישיבה בין איך אריבער ביתו נאוה קודש פון רביה"ק **הדברי יואל זי"ע** - מיר האבן געוואוינט עטליכע הייזער נעבן רבי'ן – האב איך געזעהן דורכן פענסטער ווי דער רבי איז אונטן אין ביהמ"ד, און מענטשן שטייען ארום און שמועסן.

איך בין שנעל אריינגעלאפן אין ביהמ"ד כדי מיטצוהאלטן דעם שמועס, האב איך געזעהן ווי דארט איז געווען הגה"צ רבי מנשה הורוויץ זצ"ל דער זשילינער רב, א ראפשיצער אייניקל, ער איז געווען א טיפער זקן, און ער איז געזעסן אויפן באנק און געשמועסט מיטן רבי'ן, און עטליכע אידן זענען געשטאנען ארום.

אינמיטן דעם שמועס האב איך געהערט ווי ער זאגט פארן רבי'ן אז ער האט געקויפט א קרקע לאחר מאה ועשרים אין אר"י, אבער היות אין יענע צייט איז געווען די ביטערע גזירה פון ניתוחי מתים אין ארץ ישראל, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן צי ער זאל קויפן א חלקה דאהי.

האט דער רבי געענטפערט אז יא, עס איז כדאי אז ער זאל האבן דא א חלקה, קודם ווייל דארט איז דא די ביטערע גזירה פון ניתוחי מתים, און נאכדעם האט דער רבי געזאגט "חוץ מזה, ס'איז נישט קיין טובה פאר די נשמה אז מ'האלט אויף לאנג ביז די קבורה, ווי פריער איז בעסער, און אז מ'דארף טראגן קיין ארץ ישראל, קען דאס נעמען זייער לאנג".

האט דער זשילינער רב געפרעגט "ס'איז דאך דא היינט עראפלאנען וואס פארן שנעל?".

האט דער רבי געזאגט "און אויב עס פאסירט שבת, און אמאל איז שבת נאך יו"ט, און אמאל יו"ט נאך שבת, און מ'דארף ווארטן עטליכע טעג, עס איז נישט כדאי".

דער זשילינער רב האט שוואך געהערט, האט ער איבער געפרעגט וואס דער רבי האט געזאגט, דער רבי האט איבער געזאגט נאכאמאל די זעלבע ווערטער. האט דער זשילינער רבי געקרעכצט "וואס זאל איך טון, איך הער נישט".

דער רבי האט אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן און באטראכט די ארומיגע, ער האט באלד געזעהן איינעם מיט א געבויגענעם הוטל, האט ער פארשטאנען אז ער האט איהם געברענגט, פרעגט דער רבי "ווער איז דער איד?", האט דער זשילינער רב געענטפערט "ער איז א גרויסער ירא שמים".

דער רבי האט זיך צושמייכלט און געזאגט "הרה"ק רבי ר' אשר'ל ראפשיצער איז געווען אין איהעל אויף א שבת, נאכדעם האט דער ייטב לב געפרעגט דעם ישמח משה וואס ער זאגט צו אים, האט דער ישמח משה געזאגט "ער איז א ירא שמים", נו, אז רבי אשר'ל איז א ירא שמים, איז ער א "גרויסער" ירא שמים?!" האט דער רבי געווערטלט.

דאן האט דער רבי געפרעגט יענעם איד "איר האט געהערט וואס איך האב געזאגט? איר וועט דאס קענען איבער זאגן פארן זשילינער רב?", ווען יענער האט געזאגט אז יא, האט דער רבי געזאגט "איך זע אז מיך הערט איר נישט, חכמינו ז"ל זאגן כל מי שיש בו יר"ש דבריו נשמעים, אז דער איד איז א גרויסער ירא שמים, וועט ער דאס איבער זאגן און פון אים וועט איר זיכער הערן".

עטליכע יאר שפעטער שמחת תורה תשל"ג - יענעם יאר איז שמח"ת אויסגעפאלן עש"ק - אינמיטן די הקפות איז אנגעקומען אין ביהמ"ד הרה"ח ר' משה ענגלענדער ע"ה פון קראון הייטס וועלכער איז געווען א מקורב ביים זשילינער רב, און ער האט דערציילט אז דער זשילינער רב איז נעכטן נפטר געווארן. און ער האט געוואלט הערן וואס דער רבי זאגט, וואס מ'זאל טון.

דעמאלטס האבן מיר זיך דערמאנט די מעשה ווי מיט יארן צוריק האט אים שוין דער רבי געהייסן קויפן א חלקה דאהי, ווייל אויב מ'וועט נפטר ווערן יו"ט קודם השבת און מ'וועט דארפן ווארטן עטליכע טעג. אין דעם פאל איז ער אוועק דאנערשטאג שמיני עצרת, און ער וואלט נישט געקענט קומען לקבורה פאר מאנטאג. למעשה האט מען אים געלייגט אויפן ביה"ח דקהלתינו הק' אין ניו דזשערסי. (יעקב הכהן גלאנץ, יצחק אייזיק הכהן פריעדמאן, שמעון הכהן פריעדמאן, יואל הכהן פריעדמאן)